**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/2/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט די צוגעפאסטע פאר צווייטע קאָוויד-19 וואקסין בוסטערס**

***ניו יארקער 50 יאר און העכער וועלכע האבן באקומען ערשטע בוסטער וויניגסטנס פיר חדשים צוריק זענען ראוי דערפאר; ערוואקסענע אין עלטער פון 18 ביז 49 וועלכע האבן באקומען דעם דזשאנסאן ענד דזשאנסאן וואקסין און אימיון-אפגעשוואכטע ניו יארקער 12 יאר און העכער אויך פאסיג פאר אן mRNA בוסטער פיר חדשים נאך דעם ערשטן בוסטער***

***סטעיט העלט דעפארטמענט און CDC טוען ווייטער שטארק רעקאמענדירן ערשטע בוסטער דאזעס פאר בארעכטיגטע ערוואקסענע און יוגנטליכע***

***סקעדזשול׳ט אייער בחינם׳דיגן בוסטער אפוינטמענט ביי סיי וועלכע סטעיט-געפירטע מאסן וואקסינאציע ארט [דא](#) אדער טרעפט א דערנעבנדער לאקאציע [דא](#)***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן די בארעכטיגטע פאר צווייטע קאָוויד-19 וואקסין בוסטער דאזעס. בוסטער דאזעס זענען בחינם און ברייט צו באקומען לענגאויס דעם סטעיט, אריינגערעכנט ביי אלע סטעיט-געפירטע מאסן וואקסינאציע ערטער. צוגעפאסטע ניו יארקער קענען באקומען אן mRNA וואקסין — צי דער פייזער-בייאנטעק אדער מאדערנא קאָוויד-19 וואקסין — פאר זייער צווייטער בוסטער איינשפריץ.

״צווייטע בוסטערס זענען יעצט צו באקומען פאר בארעכטיגטע ניו יארקער איבער׳ן סטעיט, אריינגערעכנט ביי אלע סטעיט מאסן וואקסינירונג פלעצער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״זיך וואקסינירן און בלייבן אָפּ-טו-דעיט מיט אלע רעקאמענדירטע דאזעס איז דער מערסט-ווירקזאמע אופן אפצוהאלטן  ערנסטע קראנקהייט און האספיטאליזאציע, און זיך פירן פאראויס זיכערערהייט דורך דער פאנדעמיע.״

דער סטעיט׳ס העלט דעפארטמענט האט ארויסגעגעבן נייע קלינישע אנווייזונגען אויף דאס אדמיניסטרירן צווייטע בוסטער דאזעס פאר אלע באזארגער איינגעשריבן אין דעם ניו יארק סטעיט וואקסינאציע פראגראם. די אנווייזונגען פאלגן נאך די גוטהייסונג פון דער פעדעראלער דראָג אדמיניסטראציע (FDA) פאר עמערדזשענסי באניץ ערלויבעניש פאר א צווייטע בוסטער און די גע׳אפדעיט׳עט רעקאמענדאציע פון דעם צענטער פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידן (CDC) צו ערלויבן פאר ערוואקסענע 50 יאר און העכער צו באקומען א צווייטע בוסטער פון אן mRNA וואקסין וויניגסטנס פיר חדשים נאך זייער ערשטן בוסטער. אין צוגאב, קענען ערוואקסענע אין עלטער פון 18 ביז 49 יאר וועלכע באקומען דעם דזשאנסאן ענד דזשאנסאן וואקסין פאר זייער הויפט וואקסין און ערשטע בוסטער דאזע קענען איצט באקומען א צווייטע בוסטער פיר חדשים נאך זייער ערשטער דאזע. אויך בארעכטיגט פאר׳ן צווייטן בוסטער זענען ניו יארקער 12 יאר און העכער וועלכע זענען מעסיג אדער שווער אימיון-אפגעשוואכט.

**סטעיט העלט קאמיסיאנערין דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט,** ״פּראָווײַדערס איבער׳ן סטעיט, אריינגערעכנט ביי די סטעיט׳ס מאסן וואקסינאציע ערטער, זענען גרייט צו אדמיניסטרירן צווייטע בוסטער דאזעס פאר צוגעפאסטע ניו יארקער. פאר יעדן פון אונז באזונדער בלייבט וואקסינאציע אונזער פערזענליכער בעסטער פארטיידיגונגס ליניע קעגן קאָוויד. ווי מיר האבן געזען מיט די לעצטערע אויפשטייג פון דעם אָמיקראָן סוב-ווייריאנט 2.BA, איז נאך קאָוויד מיט אונז נאך אלץ. די זיכערע און ווירקזאמע וואקסינען בלייבן אומזיסט, אריינגערעכנט דער צווייטער בוסטער.״

דער ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט זעצט פאר ווייטער מיטצוטיילן די CDC's רעקאמענדאציע וועלכע אלע צוגעפאסטע ערוואקסענע, יוגנטליכע און קינדער פינף יאר און עלטער קענען זיך פולקאם וואקסינירן און באקומען אן ערשטע קאָוויד-19 בוסטער ווען זיי זענען בארעכטיגט. פאר צוגעפאסטע ניו יארקער איז אן ערשטער בוסטער דאזע זיכער און גיבט ווייטער שטארקע באשיצונג קעגן שווערע תוצאות. לויט די [CDC](#) דאטא פון די לעצטערע אָמיקראָן אנפלייץ, די וועלכע זענען גע׳בוסט׳עט געווארן זענען 21 מאל ווייניגער אויסגעשטעלט צו שטארבן פון קאָוויד-19 אין פארגלייך צו די וועלכע זענען אומוואקסינירט, און 7 מאל ווייניגער אויסגעשטעלט צו זיין האספיטאליזירט. אין איינקלאנג מיט CDC's רעקאמענדאציע, אנערקענען די סטעיט׳ס גע׳אפדעיט׳ע אנווייזונגען די געהעכערטע ריזיקע פון שווערע קראנקהייט פאר געוויסע באפעלקערונגען, מאכנדיג דורכדעם א צווייטער mRNA בוסטער צו באקומען פאר די וועלכע וועלן זיך אויסוועהלן נאך מער צו העכערן זייער באשיצונג.

דער סטעיט׳ס [בוסטער און צוגעגעבענע דאזע וועבזייטל](#) אריינגערעכנט אינפארמאציע פאר ניו יארקער איבער ערשטע און צווייטע בוסטערס, צוגעגעבענע דאזעס, בארעכטיגקייט, אפט געפרעגטע פראגעס און הילפס-מיטלען פאר פּראָווײַדערס אויפ׳ן פלאץ. דער סטעיט וועט פארזעצן ווייטער איר אָטריטש צו אלע ניו יארקער בארעכטיגט פאר א בוסטער דורך SMS-באזירטע מעסעדזשעס, טראדיציאנעלע און דיגיטאלע מארקעטינג באמיאונגען, און דרוק מודעות דורך דער סטעיט׳ס עקסעלסיאָר פּאַס פלאטפארמע.

אלע ניו יארק סטעיט מאסן וואקסינאציע ערטער אדמיניסטרירן איצט צווייטע בוסטער דאזעס פאר בארעכטיגטע ניו יארקערס. צו סקעדזשיול׳ען אן אפוינטמענט ביי א סטעיט-געפירטע מאסן וואקסינירונג ארט קענען ניו יארקערס באזוכן דעם [Am I Eligible׳ בלאט׳](#) אדער רופן 1-833-NYS-4-VAX. מענטשן קענען זיך אויך פארבינדן מיט זייער אפטייק, ארטיגן העלט דעפארטמענט אדער געזונטהייט באהאנדלער צו סקעדזשיול׳ען אפוינטמענטס דארט וואו עס זענען דא צו באקומען וואקסינען. ניו יארקער קענען אויך באזוכן [vaccines.gov](#), טעקסטן זייער זיפ קאָוד צו 438829 אדער רופן 1-800-232-0233 צו טרעפן דערנעבנדע לאקאציעס. ניו יארקער זאלן אויך זיכער מאכן אז פראווײַדערס אדמיניסטרירן בוסטער דאזעס ווען מען סקעדזשול׳ט זייערע אפוינטמענטס.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](#)

ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](#) | 518.474.8418

[זיך אויסשרייבן](#)